STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03950

LIDER

Sara Reisen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה רייזען

לידער

ערשטע זאַמלונג

פֿאַראיין פֿון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע
„ביבליאָטעק“ נומ׳ 4
אייגענער פֿאַרלאַג

Sara Rejzen, Wiersze.

Wyd: Związek Żyd. Literatów i Dziennikarzy w Wilnie.

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּליאַרן.

Wilno 1924 — — — ווילנע תרפ״ד

דרוקעריי בר. ראָזענטאַל, רודניצקער 7.

Druk. Br. Rozental, Rudnicka 7.

צו מיין ברודער אברהם רייזען

עס קלינגט אין מיין לידל
פיל שענער, ווי דיינע;
נאר גלייב מיר, מיין ברודער,
זיי זיינען דאך מיינע.
זיי זיינען געבוירן
פון אייגענע ליידן,
נאר ס'האט דאך איין מאמע
געזויגן אונז ביידן.

פון דעם הימל טרוימען פאלן.

ווי פון זון די גאָלדנע שטראַלן, —
פון דעם הימל טרוימען פאַלן.

קומען מענטשן טרוימען נעמען,
ווילן זיך פאַר קיינעם שעמען,
קומען מענטשן טרוימען נעמען.

„מיר דעם שענסטן, מיר דעם שענסטן!“ —
שרייט דער גרעסטער ביז דעם קלענסטן —
„מיר דעם שענסטן, מיר דעם שענסטן!“

און דער הימל קוקט און לאַכט,
פריילינג האָט אין אים דערוואַכט!

אַ גאַנצן טאָג דער פרילינג רעדט:
—דו זעסט איך בין געקומען.
אין גאָרטן בליט דער ווייַנשלבוים,
פון קנאָספּן ווערן בלומען.

מיט פרילינג יומטובט מאַמע ערד,
איך—קינד—מיט איר צוזאַמען.
אין תבואה־פעלד, אין שטאָט און וואַלד,—
אַלץ יומטובט מיט דער מאַמען.

עס גרינט אַרום,
עס פליען אום
די פייגל אין דער לופטן;
פון זון די שיין
זי שיכּורט איין
און מאַכט די בלומען דופטן.

עס גרינט אַרום,
אַלץ דאַווענט פרום
און זינגט פאַר וועמען שירה;
און פריילינג הויך
מיטדאַוונט אויך
און ברענצלט אויף זיין לירע.

אָנגעטרונקען זיך מיט זון
און מיט פריילינגסקלאַנגען,
ווייס איך ניט, וואו איז מיין שמערץ,
וואו איז ער פאַרגאַנגען.

לינד אַ ווינטל קושט מיין לייב,
מיינע האָר צענומען,
ווייס איך ניט, וואו איז מיין שמערץ,
וואו אַהינגעקומען.

און איך זינג אַ הימן דער זון,
און אַ הימן דעם לעבן
פאַר דער פרייד און פאַר דעם שמערץ,
וואָס ער האָט געגעבן...

עס רעדט די נשמה
פאַרשטענדיק אין שווייגן,
עס ריידן די ביימער
דורך ריר מיט די צווייגן,
עס ריידן די שטערן,—
דו קאָן עס נאָר הערן!

עס ריידן די הימלען,
אין בלויקייט פאַרצויגן,
עס ריידן אין שווייגן
די שוואַרצלען פון אויגן...
דער ווינט דורך זיין גלעט,—
אַלץ לעבט און אַלץ רעדט.

עס ריידן אין צימער
די בעטן און טישן;
דו וויל עס נאָר הערן,
דו וויל עס נאָר וויסן!
אַלץ האָט זיין שפּראַך,
די שויבן, דער דאַך.

און עמער און קאַנען,
און גאָלדענע כּוסות,
זיי קענען דערציילן
דיר הערלעכע מעשׂות,
וואָס זיינען פון דורות
צו דורות געגאַנגען, —
דו קאָן עס נאָר הערן.
דאָרט ליגן געזאַנגען,
געזאַנג און געוויין —
דו קאָן נאָר פאַרשטיין...

עס ליגט אַלץ באַהאַלטן
אין שווייגן אין שטילן;
דו קאָן עס נאָר הערן,
דו קאָן עס נאָר פילן...

עס ריידן די טייכן,
עס ריידן די בריקן,
האַלט אָפן נשמה,
האָב אָפענע בליקן
און הער...

ווען פון נאַכט די שאָטנס פאַלן,
טרינקען אויס פון טאָג די קוואַלן, —
ווערט אַזוי מיר באַנג.

עלנד קלאַפּט אין מײַנע טירן,
עלנד רופֿט מיך גיין שפּאַצירן,
און איך גיי דעם גאַנג.

און די וועלט אין נאַכטבאַוועבונג,
דאַכט זיך, בעט ביי מיר פֿאַרגעבונג,
און זי היט מײַן גיין.

פון די שטערנס גאָלדנע אויגן
ווערט אין רוים אַ נעץ פֿאַרצויגן,
און איך גיי און גיי.

און איך גיי און גיי געלאַסן,
ס'וויל נשמה רוען־ראַסן,
גיסט זיך אויס אין רוים.

פלוצלונג עלנד איז צעגאנגען,
גלייך ווי שטילע פידל-קלאנגען,
און ניטא אים מער.

און איך גיי צוריק אין צימער,
אויסגעהויכט איז הארצנס קומער,
אויסגעהויכט—און ווער?

יעדן טאָג מיר זיינען מקבר
די יונגפרוי, דעם זקן און קינד.
ניט אָנגערירט מיר אײלן גיין געשווינט
פאַרביי.

מיר בלייבן טריי
דער לעבנסלוסט.

פון פרייד דעם צער
מיר מעקן אויס

און אײלן זיך פאָראויס,
און זעען ניט,
ווער שלייכט זיך שטיל
נאָך אונז אין אונזער שפיל...

כ׳בין אַדורכגעגאַנגען דערנער,
פלוצלונג זע איך גרינע לאָנקעס—
כ׳גיי מיט זיי.
ווערט די גרינע לאָנקע שניי.
גיי איך ווייטער אָן געטימל—
זע איך גאָלד אין בלויעם הימל—
כ׳גיי אַהין.
הימל, ערד איך קאָן דורכשפאַנען
שטיל צופוס און גאָר אָן באַנען.
עמעץ האָט עס מיר
געגעבן,
פון וועלט צו וועלט
איך קאָן אומשוועבן
און זיין און ניט
און ניט און יאָ,—
און וואו כ׳פאַרשווינד,
דאָרט בין איך דאָ.

איך האָב ליב די וואָלקן,
ער האָט ליב די שטערן.
זינג איך אים פון וואָלקן,
וויל ער מיך ניט הערן.

איך האָב ליב אַ ייִנגל
שיין איז ער, ווי גאָלד, —
ער האָט ליב אַ מיידל,
איך האָב זי ניט האָלט.

באַרקאַראָללאַ

לאָז דאָס שיפל שיפן,
מיט די וועלן שטיפן—
וועל יאָגט וועל,
רוט די זעל.

ווילסט מיך עפּעס פרעגן—
לאָז עס אויף דערנאָך;
איך האָב איצט פאַרגעסן,
וואָס איז גליק און יאָך.

קוק נאָר אויפן הימל —
בלוי און טיף און קלאָר,
איז דאָס גאַנצע לעבן
ניט דער טרוים פון וואָר?

ווילסט מיך עפּעס פרעגן?—
צו וואָס און צו ווען!
ציילסטו מיינע פינגער,—
שענק זיי קושן צען.

ווילסט אַ וואָרט דערהערן?
ס'וועט אַ ליגן זיין...
לייג דיין קאָפּ אָן ווערטער
אין מיין שויס אַריין.

ווילסט מיר עפּעס זאָגן?
ניט צעשטער מיין רו.
גאָרנישט זאָלסטו פרעגן,
וואָס און ווען און וואו.

אַלץ האָט זעל פאַרגעסן—
ניט דערמאָן, ניט פרעג...
לאָז דאָס שיפל שיפן
מיט דעם פרייען וועג...

ווער יאָגט ווער
רוט די זעל.

און שטיל איז געוואָרן אין האַרצן ביי מיר,—
אַ הויז אַ פאַרקלאַפּטע מיט לאָדן און טיר.
פינסטער און שוואַרץ און אַנטשוויגן.
מיין וויי און די שמערצן דאָ ליגן.

כ'וועל שוין צו דיר מער ניט קומען:
כ'האָב דעם צער פון דער ליבע פאַרנומען.

און שטיל איז געוואָרן אין האַרצן ביי מיר,—
אַ הויז אַ פאַרקלאַפּטע מיט לאָדן און טיר.

איך רו שוין לאנג פון ליבע־צער!
איך בין נאָך ניט געגעזען.
און קראנק איז אַלץ נשמה, קראנק
דערפון, וואָס איז געוועזן...

דער בוים, וואָס שטייט אין ווינטער הויל—
דער פרילינג מאַכט אים בליען,
דעם אָדלערס פליגל טרעפט די פייל,
פאַרשפאַרט דעם אָדלער פליען.

שכל זאָגט:
—די ליבע איז צער.
זאָגט דאָס האַרץ:
—דעם צער איך גאַר.

שכל זאָגט:
ער איז ניט ווערט.
שווייגט דאָס האַרץ,
ווי ניט געהערט.

שכל זאָגט:
—ער האָט גענאַרט!
—גלייב ניט,—לאַכט דאָס האַרץ
און וואַרט.

דיין נאָמען, וואָס האָט מיך מיט טחוימען אָפגעשאָטן,
האָב איך מיין הארץ דערמאָנען
איצט פאַרבאָטן.
מיט טרויער כ׳האָב פאַרדעקט זיין קלאַנג.
פאַרקלונגען דער געזאַנג
פון ליבע-ליד...
איצט גיי איך מיט
מיט זאָרג אין אירע וועגן
און קיינמאָל כ׳וועל ניט לאָזן
הארץ נאָכפרעגן:
„וואו איז אוועק,
ווער ס׳האָט מיט טרוימען מיך באַשאָטן,
ווי פרילינגס-בליטן פעלד״?
כ׳האָב הארץ פאַרבאָטן
דיין נאָמען וועקן, רופן...

די טאָפּאָלן ווייסע,
ווי צנועות זיי שטייען.
געקומען דער ווינטער
מיט פראָסט און מיט שנייען.
זיי זיינען מיט ווינטער
געוואָרן שוין שלום
און האָבן פון פרילינג
באַהאַלטן דעם חלום,
פון פרילינג און זון.

כ'וועל אויך אַזוי טון.

כ׳וועב און וועב
דעם טרוים פון וואָר,
פון דער שקיעה
ביז קאַיאָר.
ס׳איז מיין טרוים
אויס וועלט און צייט,
כ׳זוך צו אים ניט
קיין באַשייד.

פאָדעם דאָ
און פאָדעם דאָרט,
און באַפליגלט
ווערט דאָס וואָרט.
הימל, ערד
ביי מיר אין האַנט,
אַלץ איך ווייס
און אַלץ באַקאַנט.

צער און גליק
איך וועב אַריין,—
ביידע לייכטן
מיט איין שיין.

זינד און צניעות,
יונג און אַלט,—
אַלץ באַקומט דאָ
איין געשטאַלט.

וועב און וועב
דעם טרוים פון וואָר,
פון דער שקיעה
ביז קאַיאָר.

עס איז אַ שניי אַ שטילער
אַלץ געפֿאַלן, אַלץ געפֿאַלן,
און שליטלעך האָבן זיך
אין ווייסער נאַכט געטראָגן.

נאָר מיין געדאַנק
געקענט האָט זיי דעריאָגן.
דער הימל איז געוועזן
גאָר אָן שטערן.
צי האָבן זיי פֿאַרלאָשן
מיינע טרערן?
דאָס עלנד האָט
אין נעץ מיך איינגעצויגן
און קוקט אַרויס מיט מיר
פֿון מיינע אויגן.

און שליטלעך האָבן זיך
אין ווייטער נאַכט געטראָגן.
דיך אין זיי וועל איך שוין
קיינמאָל ניט דעריאָגן.

מיד מיין גייסט.

ער וויל ניט מער—

ניט זוכן און ניט פליען.

פאַרוועלקט מיין קראַנץ,

וואָס כ'האָב דיר, ליבע, צוגעגרייט,

און ער וועט קיינמאָל מער ניט בליען.

מיין האַרץ, וואָס האָט נאָר

פון בעכער פּיין געטרונקען,

וועט קיין אַנדער וויין געניסן.

אָ, רו, מיין גייסט:

איך האָב שוין לאַנג

מיין טרוים פון גליק צעריסן.

הבל הבלים... ס׳פאַלן די בלעטער,
פאַרצווייפלט דער וואַלד.
הבל הבלים... פאַרוועלקט איז דער זומער,
דער ווינטער קומט באַלד.

הבל הבלים... ס׳לויפן די יאָרן,
פאַרלאָקט פון דער צייט.
הבל הבלים... די עלטער איז נאָענט,
דער וועג צו דעם גליק אַזוי ווייט.

הבל הבלים!...

מיד בין איך, ליבסטער, מײן װעג איז אָן טרוימען,
און דו ביסט פון װײטן, װי גאָר ניט פאַרהאַן.
עס שװימט מײן נשמה אין עלנד אין טיפן,
װי שיפן פאַרלאָזן אין ים־אָקעאַן.

װאו זאָלן זײ שװימען? דער ים איז אָן ברעגן.
אײן װאַסער־באַרג הײבט זיך, אַ צװײטער פאַלט אום,
כ'האָב ניט בײ קײנעם דעם װעג זיך צו פרעגן.
און כ'רוף דיך און זוך דיך, מײן ליבסטער — דו קום!

גענוג, גענוג, צו טרויערן,
דיין האַרץ מאַך פעסט ווי שטאָל,
דער צער אויף אונז קומט לויערן
אין פריילינגס גרינעם טאָל.

אַ העלער טרוים — אַ פאַלשער גלאַנץ
פאַטאַמאָרגאַנעס רייץ,
עס גרייט דער צער זיין דאָרנקראַנץ
און טראָגט דער פרייד דעם קרייץ.

דו האָסט עס אַלץ באַגריפן לאַנג
און שטיפסט נאָך ווי אַ קינד,
און וואָגלען לאָזטו דיין געדאַנק
אין שטויבעדיקן ווינט.

איך האָב אויסגעטרונקען
דעם שמערץ ביזן דעק, —
אַ מוטיקע ווייטער
צום לעבן אַוועק.

און ס׳ציען זיך וועגן
אַהער און אַהין, —
איך גיי זיי אָן פרעגן
און זוך קיין „וואוהין״.

און טאָמער, חלילה,
די שעה זאָל ניט זיין, —
איך וועל פון די וועגן
ווען מוזן אָפּגיין,

דאַן לאָז איך אין לופטן
מיין ליד אויסגעשפּרייט,
די קלינגענדע רינגען
פון גאָלדענער קייט.

✿✿

אָ, ווי בין איך מיד און מאַט!
כ׳האָב שוין צופיל צער געהאַט.
שטילער טרויער, קום, פאַרוויג.
כ׳האָב קיין פאָרוואורף, כ׳זוך קיין קריג.
רוען, רוען בלויז איך גאַר
פון דער ליבע, פון דעם צער.

דער וועג אַ געדרייטער,
אַהער און אַהין,
דאָ דערנער מיט גריבער,
דאָ לאָנקעס גאָר גרין.
איך גיי זיי אָן צאָרן
די פּיס אָן דעם דאָרן
צעריסן אויף בלוט,
דאָך שמייכל איך גוט.
ווייל אויבן,
מיין גלויבן,
ווי זון מיך באַגלייט
און וועבט מיך מיין פּאָנע
און פאַרבט זי אין רויט.
און קומען ווען טרערן
אין וועג אין דעם שווערן,
זיי פאַלן ווי טראָפּן
פון טוי אויפן זאַמד,
און פירן מיך ווייטער
צום זוניקן שטראַנד.

מיר דאַוונען אַלע טאָג
און ווייסן ניט דערפון.
און טאָמער ניט צו גאָט,
דאַן דאַוונען מיר צו זון.
און טאָמער ניט צו זון
איז צו דער מאַמע ערד.
אין אַלע תּפילות אונז
גאָט אַליין נאָר הערט...
און קומט אַנטפּלעקן זיך
אַמאָל צו אונז אין לייד
פון אומזיכטבאַרער ווייט
אין אומזיכטבאַרן קלייד...

איך קום צו דיר, אַלמעכטיקער,
מיט אַנגסטן אין געמיט —
מיך פיר אויף וועגן ריכטיקע,
פון אייטל מיך פאַרהיט.

געציילט די טעג — דעם מענטשנס טעג —
פון זיין דאָ אויף דער ערד,
טאָ ווייז דאָ מיר דעם רעכטן וועג,
צו טאָן, וואָס איז דיר ווערט.

ווי זאָל איך דאָ זיך נוהג זיין,
ווען לעבנסלוסט מיך לאָקט —
איך קום צו דיר אַלמעכטיקער —
אָ הער, מיין האַרץ ווי ס׳קלאָגט...

דעם אַנדענק פון מיין פאָטער
ק ל מ ן ר י י ז ע ן געהייליקט

אינדרויסן געלעגן איז נאַכט
אין אימה־געשטאַלט.
געווען אַזוי קאַלט.
געריסן דער ווינט האָט מיין טיר,
געוויינט אַלץ נאָך דיר.

און איך האָב געשלאָפן
אין שלאָף,
געווען אַזוי באַנג...
דער ווינט האָט געריסן מיין טיר
געבראַכט דיין געזאַנג.

באַדעקט איז דיין קבר
מיט שטיין פון דרייקאַנטן,
מיט שטיין פון דרייקאַנטן...
איך ווייס ניט, צי הערסטו
אַ פויגל דאָרט זינגען,
צי פילסטו, ווי ס׳וואַרעמט
די זון אָן די גראָזן,
ווען לינדינקע ווינטעלעך בלאָזן...
באַדעקט איז דיין קבר
מיט שטיין אין דרייקאַנטן.
אָ פאָטער געטרייער,
די טרערן ווי פייער
מיין פנים זיי ברענען!
ווי שטיינער צעגליטע—
די טרערן
צעגליען דעם ווייִ פון מיין האַרץ...

שטייסט ניט מער ביים אייוועלע,
ליגסט ניט מער אין בעט,
אָבער יעדעס ווינקעלע
אַלץ פון דיר מיר רעדט.

ס׳האָט דאָס קליינע שטיבעלע
איינגעזייגט דיין גייסט,
און וואָס נאָר ס׳געשיט אין איר,
דאַכט מיר, אַז דו ווייסט...

דער שוואַרצער ריז
ווי שרעקלעך איז,
דער היטער פון דעם זייגער!
און שטענדיק טריט:
ער ציילט און היט
דעם זייגער אין זיין גיין.
און שטענדיק דאָ,
און שלאָגט די שעה, —
ער מאַכט דעם זייגער שטיין.

דו ביסט אין מיין נעכטן, דו ביסט אין מיין היינט,
דער מאָרגן אויך וועט מיר דיך ברענגען,
און טאָמער אַ צווייטער פאַרבייטן וועט דיך,
נאָך דיר אָבער וועל איך אַלץ בענקען.

און טאָמער אין קרייץ־צוג נאָך גליק און נאָך צער
די צייט וועט אונז פרעמדן און שיידן,
דו וועסט אָבער בלייבן פון מיין ליבע דער האַר,
און כ׳וועל דורך מיין ליד מיט דיר ריידן.

***

די וואָלקן זיי שוועבן אין טרויער=געוועבן,
דער רעגן אָן אויפהער ער גיסט.
איך זע אין הער לופטן —
דער האַרבסט קומט צו שוועבן
צו מאַכן דעם זומער אונז וויסט.
אַ זומער, אַ זומער,
דו גאָלדענער זומער,
דער האַרבסט מאַכט איצט חרוב דיין וועלט,
די ווינטן זיי ווייען,
דעם האַרבסט צו דערפרייען,
און ברענגען דיר רעגן און קעלט.
אַ זומער, אַ זומער,
דו גאָלדענער זומער,
דו וועסט דאָך באַלד קומען צוריק,
ווי זאָל איך עס ווייגען,
זיין ליבע באַווייגען:
מיר וועט שוין ניט שמייכלען זיין בליק.

איך בין צו דעם בריק צוגעקומען,
דער הארבסט־ווינט—ער האָט מיט זיין ברומען
די כוואַליעס געיאָגט און געריסן
און רעגן טוט גיסן און גיסן.
די ווערבעס אין טייך אָנגעבויגן,—
מיט וואָלקנס דער הימל פאַרצויגן.
איך בין ביי דעם טייך לאַנג געשטאַנען.
וואָס לויפן די כוואַליעס פון דאַנען?
פאַרוואָס האָט דער ליבסטער פאַרלאָזן?
און הארבסט־ווינטן וויינען און בלאָזן.

**

קיינער קומט ניט, קיינער קומט ניט,
און מיין הארץ ערווארט ניט קיינעם.
שטילער ווי א ליידיק צימער,
שטיל אזוי מיין הארץ און איינזאם.

דרויסן הארבסטיק, גרוי און רעגנס,
זארג שפרייזט אום פון גאס צו גאסן,
אנגעקליידט אין שווארצן מאנטל,
איינגעהילט אין ווינט אין נאסן.

זארג קלאפט אנעט אין מיין פענסטער
דורך די טראפן פונם רעגן:
— כ'בין געקומען מיט די ווינטן,
טוסטו וואס פון מיינעטוועגן?

— איך ארבעט פונם גרויבאגינען,
שפעט א מידע גיי איך שלאפן,
אלעס נאר פון דיינעטוועגן,
אויפגעהערט אויף גליק צו האפן.

דרויסן האָבן אַלע בלעטלעך שוין פאַרדאַרט,
כ'האָב אויף דיר אומזיסט, אומזיסט געוואַרט.

ווערסטו קומען איצט, וועט זיין צו שפּעט, צו שפּעט,
ווייל האַרבסט־געזאַנג מיט טרויער זעלע גלעט.

ווייל גרויע נעפּלען וויקלען רוים און ערד,
ווייל נאָר דאָס פייפן פון דעם ווינט מען הערט,

ווייל די נשמה וויקלען אויך די נעפּלען איין
אין דער גרויקייט פון דעם לעבענס „זיין".

אין זומער דער טאָג,
וואָס אָן ליבסטן פאַרשווינדט,
איז ענלעך צום האַרבסט,
ווען דאָס פעלד מער ניט גרינט.

די ריחות פון בלומען
די בענקשאַפט פאַרשאַרפן,
וואָס דאַרף איך די בלומען,
וואָס קאָן איך זיי דאַרפן?

קיין בלומען צו קלייבן
איך האָב ניט פאַר וועמען,
טאָ זאָלן זיי וועלקן,
איך וועל זיי ניט נעמען.

אין זומער דער טאָג,
וואָס אָן ליבסטן פאַרשווינדט,
איז ענלעך צום האַרבסט,
ווען דאָס פעלד מער ניט גרינט...

און טאַמער קומסטו שפּעט אין האַרבסט,
וואָס וועט דאַמאָלסט זיין?
ווי וועל איך דיר אַנטקעגן גיין,
ווי לאָז איך דיר אַריין?
איך בענק און בענק
און ס׳וועלקט און וועלקט
מיין פּנים פאַר דער צייט,
ווי זאָל איך דיר באַווייזן אים,
ווען קומען וועסט פון ווייט?

ליבסטער מיין, גאָר שפּעט אין האַרבסט
קומען זאָלסטו ניט.
דו האָסט געזען, ווי ס׳קוקט דאָס פעלד,
ווען אַלץ האָט אָפּגעבליט?

פֿאַרוויג מיר מײַן זעלע
מיט טרוימען מיט העלע,—
און יונג אויף דאָס ניי!

און שטיפֿן און קוועלן,
קיין פֿראַגן ניט שטעלן,—
און יונג אויף דאָס ניי!

אַזוי ווי דער פֿרילינג,
וואָס קומט נאָכן ווינטער,
פֿאַרוואַרף איך די ליידן
אין עבר אַרונטער,—
און יונג אויף דאָס ניי!

זיי האָבן אַ ליבע געפירט,
געדויערט עס האָט גאָר ניט לאַנג.
דערנאָך איז געקומען דער צער,
דערנאָך איז געוועזן גאָר באַנג.

ער איז אַ דיכטער געווען,
די ליבע אין לידער פאַרוועבט,
געבליבן די ליבע איז גאַנץ,
געבליבן אין ליד און זי לעבט...

ס'האָט געזאָגט מיין האַרץ:
„קיין גליק ניט זוך!"
ס'האָט געלערנט מיך:
„פאַר שמערץ ניט פלוך".
ס'האָט געלערנט מיך
צו שמייכלען ווייך,
באַטראַכטן אַלץ
נאָר פון דער הייך.

כ׳וויל ניט קיין חלומות,
רואיק וויל איך ליגן,
זאָל מיר נאָר די מידקייט
שטיל אין שווייגנס וויגן.

כ׳בין גענאַרט פון חלום,
כ׳קען עס קיינעם זאָגן,
וועל איך שווייגן, שווייגן,
שטיל דעם ווייטאָג טראָגן.

ס׳וועבט זיך שטיל א ניגון,
אין דער זעל באַהאַלטן;
אים וועל איך ניט זינגען
פאַר דעם דור דעם קאַלטן.

ס׳וועט דער ניגון האַרן,
ס׳וועט דער ניגון וואַרטן;
אים וועל איך ניט זינגען
פאַר דעם דור דעם האַרטן.

דאָס לעבן איז אַ שלאַכט־פעלד—
דו נעם געווער וואָס מער
און לאָז אין זעל פאַרזינקען
די שטילע, שטילע טרער.

דאָס לעבן איז אַן אַכזר,
דו זיי נאָר שטאָלץ און גיי,
און לאָז אין זעל פאַרזינקען
דיין טיפן, טיפן וויי.

דאָס לעבן איז אַ תּלין,
ער וועט באַזיגן דיך,
נאָר קעמף, ניט לאָז באַזיגן
די שיינקייט פון דיין „איך".

כ׳האָב דיין ליבע איצט פֿאַרגעסן,
ס׳איז געווען און ניט געוואָרן,
ווי דער פֿרילינג פֿאַראַיאָרן,
ביידע פֿאַר דעם האַרץ פֿאַרלאָרן.

טרויריק קוקט דאָס פֿעלד אָן זאַנגען,
אַלע תבואות אָפּגעשניטן —
די נשמה איז געבליבן,
אָן פֿאַרלאַנגען און צעשניטן.

**

היינט בענק איך און ווייס ניט נאָך וועמען,
און רוף ניט קיין נעמען.
ס'איז נאַכט אויף די גאַסן
מיט האַרבסט מיט דעם נאַסן.
דער זייגער וועט שלאָגן, מיר זאָגן, ס'איז שפּעט,
און איך וועל אַ מידע זיך לייגן אין בעט,
און בענקען, ניט וויסן נאָך וועמען,
ניט רופן קיין נעמען.
דערנאָך וועט דער שלאָף מיר
די אויגן פאַרוועבן,
מיר ברענגען אַ חלום
פון טריב־גרויען לעבן.

היינט בענק איך און ווייס ניט נאָך וועמען.

לאַנג בין איך מיט נויט געגאַנגען,
איז מיין העלער טרוים פאַרגאַנגען,
וואו און ווען,—
ניט געזען.
נעמט מיך דורך אַ שטילער ציטער,
כ׳הער, ווי עמעץ יאָמערט ביטער,
מחילה בעט ביי גאָט פאַר זיך.
דאָס קלאָגט די שכינה
פון מיין „איך".

מיר פֿאַרדריסט, וואָס כ׳האָב פֿאַרגעסן.
אַלץ איך האָב פֿאַרגעסן.
אַלע פֿריידן, אַלע ליידן,
אַלץ איך האָב פֿאַרגעסן.
כ׳פֿאָר צוריק אין היים אין אַלטער, —
ליבלעכע געשטאַלטן!
כ׳וועל אײַך קיינמאָל מער ניט טרעפֿן,
טיף איר ליגט באַהאַלטן.
יוגנט־טרוימען האַרציק־ליבע —
וואו זייט איר פֿאַרגאַנגען?
וועלכע וועגן זאָל איך פֿאָרן
אײַך צוריק צו פֿאַנגען? ...
פֿליט דער צוג און דרייט די וועגן,
שלענגלט אין זיגזאַגען,
און אין קאָפּ, ווי ווינטן קאַלטע,
עקבערן די פֿראַגן ...
וואו געוועזן?
וואָס געוועזן?
וואו איז אַלץ פֿאַרגאַנגען? ...
און קיין ענטפֿער ... אַלץ טוט שווייגן...

אַלץ האָט צײַט פֿאַרהאַנגען...
ווײַטע וועגן...
ווינטן יאָגן...
ס'איז קײן שפּור געלאָזן...
שטיל איך ציטער,
ס'האָט געוויטער
אַלץ אַראָפּגעבלאָזן.

כ'בין געגאַנגען. נאַכט אין דרויסן
האָט געשראָקן וועלט.
און פון הימל שוועבט אַ כמאַרע,
וויקלט ערד אין קעלט...

גיי איך צו צו פרעמדע טירן,
קלאַפּ איך אָנעט זאַכט.
— עפנט! עפנט! — שרעק און ציטער
טראָגט די שוואַרצע נאַכט.

הער איך הייזעריק אַ שטימע
פאַר פאַרמאַכטער טיר:
— לאָז אונז שלאָפן... באַלד וועט טאָגן,
ס'איז קיין אָרט פאַר דיר...

— עפנט! עפנט! — נאַכט און אימה
האָט מיין וועג פאַרדעקט.
אַלץ איך שטיי, די טיר געשלאָסן...
כ'האָב זיי ניט דערוועקט...

מיר מענטשן און מענטשלעך,
מיר דרייען זיך אום
און ריידן און שווייגן
און זיינען דאָך שטום.

מיר לייגן—און זוכן
דעם אמת דערקענען,
און ברענגט ווער דעם אמת,—
מען וויל אים פאַרברענען.

און ס'ליגט שוין אַ מידע
די אַלטיטשקע ערד,
פון געבן און נעמען,
פון ביקס און פון שווערד.

און שולדיקע אַלע,
און אַלע די ריכטער—
מיט שמייכלען און שמערצן
פאַרדעקטע געזיכטער.

מיר מענטשן און מענטשלעך,—
מיר דרייען זיך אום
און ריידן און שווייגן,—
און בלייבן דאָך שטום.

מײן ליד.

דער טאָג איז אָן שטראַלן,
שוין, דאַכט זיך, געפאַלן,
און אַלץ איז צעבראָכן
אָן גליק און נצחון,
דאַן קומסטו צו שװעבן,
מײן ליד מיר צו װעבן...

די תהומען פאַרשלאָסן,
װאו שמערץ האָט געפלאָסן,
די װעגן באַזונטע,
די פעלדער באַגרינטע.

דאָס ליד איז געשאַפן,
איך בין מער קײן שקלאַפין
בײ הונגער און נויט,
באַזיגט איז דער טויט.—

און ס׳װעבן זיך טרוימען
פאַרפלעכטע אין רײמען,
ניטאָ קײן פאַרבאָטן
פון מלאך, פון שטן,
דאָס ליד איז געבליבן,
דאָס ליד איז פאַרשריבן...

איך דאַנק דיך, גאָט,
וואָס האָסט מיך וואַך געמאַכט,
ווען זון די ערד באַשיינט נאָך נאַכט.

אַ דאַנק דיר, גאָט,
וואָס דיין השגחה האָסטו ניט אָפּגעווענדט;
אין צער און פרייד איך פיל—מיך פירן דיינע הענט,
איך האָף צו דיר און רואיקער ווערט מיין געמיט,
איך ווייס—איך ווער געהיט.
און אַלע לעבענס פיין—
דאָס איז געצאָלט פאַר „זיין".
איך שפּרייט די הענט
און נעם די וועלט אַרום.
מיין האַרץ דיך דאַנקט און רעדט,
מיין מויל מוז זיין נאָך שטום!...

איך ליב די שטאָט,
די שטאָט איך ליב,
וואו גאַס איז לאַנג
און שטוב אויף שטוב.

וואו מענטשן זיינען
אומבאַקאַנט
און הימל—הויך
און האָט קיין ראַנד.

פאַבריק און טעמפּל
אָנגעבויט,
דאָ גייט אַ שלאַכט
מיט האַרטער נויט.

דעם לעבנס שטראָם
דאָ קאָכט און זידט
און העלע צוקונפט
ווערט געשמידט...

יאָ, דאָס לעבן איז אַ שיף,
שווימט דורך ים. דער ים איז טיף.

שטורעם דאָ און שטורעם דאָרט,
ס׳איז ניטאָ קיין רואיק אָרט.

שיף מיט שטורעם פירן שלאַכט,—
און דער ים מיט קאַלטקייט לאַכט.

ס׳זינקט די שיף, ווען שטורעם זיגט,
נאָר די שפּיל פאַרלאָקט, אַנטציקט...

שיף מיט שטורעם פירן שלאַכט,—
און דער ים מיט קאַלטקייט לאַכט.

ביז דיין קומען בויט מיין האַרץ
טעמפּלען פאַרן גליק;
קומסט צו גיין — מיין פאַלשעס האַרץ
וואַרפט זיי אום צוריק.

אויף רואינען רוט עס באַנג,
ווען דו זיצט ביי מיר;
בויט די טעמפּלען ווידער אויס,
ווען כ'שליס נאָך דיר מיין טיר.

אויב דו האָסט מיך, גאָט,
צום ליידן אויסגעוויילט,—
דערקלער מיר זייער ציל.
און דאַן וועל איך
געדולדיק גיין
מיט זיי מיין לעבנסוועג.
קיין קרעכץ פון ווײ,
קיין שווער געמיט
וועט ווייזן דיר
מיין האַרץ!
און דורך דערנער שטאָלץ
מיט אַן אויסגעגלייכטן קאָפּ
װעל איך מיט מיינע ליידן
גיין!
נאָר דו, אָ גאָט!
דערקלער מיר זייער ציל!
ס'האָבן זיך לאַנגע
רייען טעג
צוריק צו דיר געקערט—
מיינע אָפּגעלעבטע טעג...
זיי האָבן דיר דערציילט,

אָ, גאָט, ווי איך האָב זיי באַגלייט...
טאָ שיק פאַרשטאַנד,
דיין מענטשנקינד,
באַגרייפן דיך און אויך דיין ציל:
פאַרוואָס האָסטו דיין מענטשנקינד
צו ליידן אויסדערווײלט?

וואָס מיר ליבע, ווען מיר ליבע?
היינט געלעבט און היינט שוין טויט!
ליב איך בעסער גוטע ביכער
און דעם הימל, ווען ער בלויט.

ליב איך בעסער זון, וואָס וואַרעמט,
העלע גאַסן גיין און גיין,
שמייכלען גוט און זיין צופרידן
מיט דער זון און מיט דעם זיין.

זוניקע רעגנס!
גאָלדענע קייטן
פאַלן אויף פעלדער,
פאַלן אויף בייטן
אין גילדערנער פּראַכט.

זוניקע רעגנס!
שטראַלט רעגנבויגן,
איבערן הימל
ליגט אויסגעצויגן
גילדערנער בריק.

זוניקע רעגנס!
זוניקער דרויסן,
זוניקע רעגנס, —
גאָט איז נאָר אויסן
ווייזן זיין פּראַכט.

עס לויפן די ווינטן פון פרילינג,
זיי לויפן און קומען צוריק,
און ברענגען אַ קלאַנג פון דיין שטימע,
און ברענגען דיין חנעוודיק בליק.
און באַלד אויף די ווינטן צו רייטן
קומט ליבע און יוגנט געשווינט;
זיי שמייכלען און גריסן מיט אומעט
און רייטן אָפּ שנעל מיטן ווינט.

שלאָפן אַלע אין די שטיבער.
שלאָפט אוודאי אויך מיין ליבער.
ערד אַ ווייסע און אַ שטילע.
הימל קאַלט און וויל קיין תּפילה.
און איך גיי זיך שטיל אַזוי,
אַיינגעדעקט אין ווייסן שניי.
ציילט דער זייגער
איינס ביינאַכט.
טיר און טויער
צוגעמאַכט.
און איך גיי זיך שטיל אַזוי,
אַיינגעדעקט אין ווייסן שניי.

פון שטיינער אַ ברוק
אין גאַס איז געמאַכט,
און שטייט וואו אַ בוים —
ער דאָרט און פאַרדאָרט.

צו לאָנקע מיך ציט,
מען שניידט באַלד דאָרט היי;
מיין הארץ איז אַ קוואַל
פון בענקשאַפט נאָך זיי.

מיך ציט צו דעם פעלד,
וואו קאָרן איז גרין;
מיין הארץ ווערט געהיילט,
אַז איך קום נאָר אַהין.

מיך ציט צו דעם וואַלד,
זיין שאָטן מיך לאָקט;
ער וואַלט מיר אַ טרייסט
אין מיין טרויער געזאָגט.

כ׳וועל זיך לערנען צו שמייכלען ביים הימל,
ווען גאָלדענע זון אין אים שיינט.
כ׳וועל זיך לערנען צו לעבן מיט עלנט,
אַזוי ווי אין ליבע מיט פריינד.

כ׳וועל זיך לערנען און וועל זיך אויסלערנען,
אַז אַלץ איז אַ בילד, וואָס פאַשווינדט
אין לעבן, אין אייביקן וואַנדלען,—
מיר—שטויבלעך פון יאָגנדן ווינט...

כ׳וועל זיך לערנען צו שמייכלען ביים הימל,—
מיט גוטסקייט און שטילן געמיט,
און שפּעטער מיין שמייכל זאָל בלייבן
אין שטיל־צאַרטע קלאַנגען פון ליד.

כ'האָב בייטאָג פאַר נויט געדינט,
ניט געזען דאָס פעלד, ווי ס'גרינט,
ניט געהערט קיין פויגל־קלאַנג,
ניט געזען דעם קאָרן־זאַנג.

כ'האָב דעם טאָג געקניט פאַר נויט
און געבעטלט ביי איר ברויט,
און געשמייכלט און געקניט
און צעבראָכן מיין געמיט.

עס דופטן ניט די בלומען מער:
דער הארבסט האָט זיי געקושט.
דו האָסט מיין טרוים באקליידט אין צער,
און כ׳האָב צו אים קיין לוסט.
האָב איך דאָס ליבע־גליק פארטראכט,
עס לאָקט שוין מיך ניט מער;
און מאָנט אַמאָל די בענקשאפט וואָס,
דאן שענק איך איר מיין טרער.

װעט דער מזל װעלן,
װעט ער דיך מיר שיקן, —
דורך פֿאַרצוימטע װעגן,
דורך אַ טייך אָן בריקן.

אויב ער װעט ניט װעלן,
העלפֿט דאָך ניט קיין שטרייטן;
כ'װעל דיך יאָגן, יאָגן, —
בלייבן װעסט פֿון װייטן.

װעל איך װאַרטן, װאַרטן,
אויף דיר, דעם געגאַרטן;
דורך פֿאַרצוימטע װעגן,
דורך אַ טייך אָן בריקן,
װעט דער מזל װעלן,
װעט ער דיך מיר שיקן...

בלומען וועל איך מער מיין פריינד
קיינמאָל טראָגן,
כ׳וועל קיין וואָרט פון ליבע אים
מער ניט זאָגן.

אַלע ווערטער זיינען פאַלש
און געגנאַרן,
און די בלומען דופטן קורץ
אונפאַרדאַרן ...

פרילינג! גאָט אין הימל!
אָן משקה שיכּור איך.
אַ כּוס פון גאָלדנע שטראַלן—
און ס׳האָט דערמונטערט מיך...

פרילינג! גאָט אין הימל!
איך בּין פון ליידן פריי,
און בּין מיט גראָז און בּלומען
געבּאָרן אויף דאָס ניי...

אַ שמעטערלינג אַ פאַרביקער
צום רויזן־קוסט געפלויגן
און זינגענדיק און גליקלעך גאָר
דעם בלומען־זאַפט געזויגן.

דער הימל ווי אַ בלויער ים
פון אויבן איז געהאַנגען,
און וואָלקענדלעך ווי שעפּסעלעך
אין אים זיינען געגאַנגען.

און בינעלעך און פייגעלעך
און קינדערלעך און בלומען,
זיי פרייען זיך, זיי פרייען זיך,
וואָס זומער איז געקומען.

און גריקע בליט און פלאַקס איז בלוי
און העכער ווערט דאָס קאָרן,—
די זומער־וועלט, די שיינע וועלט,
געקומען איז צו פאָרן.

נ א כ ט.

אויף די פענסטער בלייב נאָך ליגן,
זאָל דער חלום מיך נאָך וויגן!
שטיל און זאַכט,
וויג מיך, נאַכט.

זאָלן שימערן די שטערן, —
וועט דער חלום מער געווערן;
רויט מיין הארץ —
נאַכט, בלייב שוואַרץ!

ווי עס הייבט נאָר אָן באַגינען,
גיי איך זאָרג איר קלייד דאַן שפּינען.
אָן געזאַנג
איז מיר באַנג.

נאַכט אָ, נאַכט, דו בלייב נאָך ליגן,
זאָל דער חלום מיך נאָך וויגן!
שטיל און זאַכט
וויג מיך, נאַכט.

דער וועג איז אַ גרויער,
וואָס ווייטער אַלץ ערגער,
און ציט זיך דורך טאָלן
און ציט זיך דורך בערגער
און ציט זיך דורך דאָרן,
דורך האַס און דורך צאָרן.
איך גיי און איך גיי און איך גיי!

אין מדבר אין וויסטן
אָאַזיסן ליגן;
דאָרט קען מען אי עסן
אי טרינקען זיך קריגען;
דאָרט שטראָמען די קוואַלן—
מיר שטיינער נאָר פאַלן.
איך גיי און איך גיי און איך גיי!

און ס׳ווילט זיך אַ מידע
אויף דר׳ערד מיר צופאַלן,
צו דאָרשט און צו הונגער
איך האָב ניט קיין קוואַלן,

און זאָרג האָט פֿאַרלאָשן
פֿון פֿרייד אַלע שטראַלן.
איך גיי און איך גיי און איך גיי.

און ס'ליגט אויף די וועגן
מיר נאַכט, ווי די בערגער.
און ווייטער אַלץ שווערער,
און ווייטער אַלץ ערגער.
איך גיי און איך גיי און איך גיי!

און מיד מיין נשמה,
און מיד מיינע ביינער,
און קיינער אַנטקעגן,
אַנטקעגן קומט קיינער.
איך גיי און איך גיי און איך גיי.

און ניט קיין געליבטן,
און ניט קיין געטרייען,
ווער זאָל מיר באַווייזן
דעם וועג אָ דעם פֿרייען.
איך גיי און איך גיי און איך גיי!

האַרבסט.

I

ס׳האָט אָפּגעבליט די ערד און בענקט
נאָך זונען־גלאַנץ,
נאָך גרינעם קראַנץ.

די זון האָט אָפּגענאַרט,
די זון האָט זי פאַרראַט,
און איצטער ליגט זי מיד,
און איצטער ליגט זי מאַט.

מיט תּבֿואה שייערן
זיינען הויך פאַרלייגט;
וואָס קומט דער ערד אַרויס?
זי רעגן נעצט און ווייקט.

דער הימל איז ווי בליי,
די זון אַזוי איז ווייט!
און ס׳וויקלט ערד זיך קאַלט
אין האַרבסטיק־שוואַרצן קלייד.

II

כ'וואָלט איצט אין זונען=לאַנד
פון דאַנען ניט געגאַנגען;
ס'איז נאָענט מיר דאָס פעלד פון האַרבסט
מיט אַלע זיינע באַנגען.

ביימלעך קליינע דאָ און דאָרט,
די בלעטער אָפּגעריסן,
זיינען מיינע שוועסטערלעך
און לאָזן מיר געריסן.

דערציילן מיר פון שוואַרצע נעכט,
ווען קאַלטע ווינטן ווייען,
ווען ס'ועלן פאַלן שנייען.

וויל איך ניט אין זונען=לאַנד;
מיט זיי איך וויל פאַרבּרענגען
און נאָך דער פרילינגס=וואַרימקייט
מיט זיי צוזאַמען בענקען.

שיר השירים זינג אין יוגנט;
שפּעטער וועט עס דיר ניט קליידן.
ווען דו לייענסט שוין קהלת,
בלוטן וועלן דיינע ליידן.

שיר השירים זינג אין יוגנט,
קיינער זאָל דיין ליד ניט שטערן.
ווען דו לייענסט שוין קהלת,
מוזן דאַמאָלסט קומען טרערן.

שיר השירים! אַלע קלאַנגען,
וועלכע פרייען און אַנטציקן,
זיינען יוגנטס העלע טרוימען,
וואָס קהלת וועט צעפּליקן.

שיר השירים זינג אין יוגנט!

איך האָב געוואוסט, אַז דו צו מיר
וועסט סיי־ווי־סיי ניט קומען.
מיין צער האָט פיל גערעדט,
איך הייס אים אָבער שטומען.

איך הער זיך מער ניט צו,
ווי ס׳קלינגען ערגעץ טריט,
ווייל כ׳ווייס —
דאָס גייסטו ניט...

און רואיק בין איך איצט.
מיין שרייבטיש איז באַצירט
מיט ווייסע בלומען.
ווען צער פאַרוועבט זיך
אין געזאַנג—
ווי שיין זיין קלאַנג!

פאַרגרויען דעם הימל
דער האַרבסט האָט באַפעלט,
אין פאַרבן אין טריבע
באַקליידן די וועלט.

און ווינטן פון צפון
זיי קומען און בלאָזן,
פאַרדאַרן די בלומען,
פאַרגעלבן די גראָזן.

נאָר פלוצלונג אין הימל
זון־שטראַלן קומען,
און ס׳לאַכט אויס דער הימל
די ווינטן, וואָס ברומען.

עס שוועבן אין הימל
די זוניקע שטראַלן,
און ווידער די שופרות
פון פרילינג זיי שאַלן.

און ס׳ווערן אַנטשלאָפן
די גראָזן און בלומען,
ביז וואַנען דער פרילינג
צוריק וועט אָנקומען.

אין גרויקייט מיין וועג וועט זיך ציען,
און ציען און ציען,
אָבער איך זע, ווי די פעלדער
אין זומער־צייט בליען;
די פייגל זיי פליען אין לופטן,
די בלומען זיי דופטן.

אין גרויקייט מיין וועג וועט זיך ציען,
און ציען און ציען,
נאָר איך זע, ווי די שנייעלעך
ווינטער־צייט פליען.

אין גרויקייט מיין וועג וועט זיך ציען,
אָבער כ׳וועל טרינקען די ליכטיקע טעג,
ווען זון וועט מיין קערפּער צעגליען
אויף ברייט־שליאַכיקן וועג.

אין גרויקייט וועט ציען מיין וועג,
דאָך טרינק איך די ליכטיקע טעג,
ווען כ׳וועל מיינע לידער דערהערן,
וואו איך האָב פאַרוועבט
מיינע טרערן.

די נשמה טוישט זיך:
היינט שוין ניט ווי נעכטן;
וויל איך ניט דעם מאָרגן
אין דעם היינט פאַרפלעכטן,—
קען איך ניט פאַרשטיין...

אַז איך טו דערמאָנען,
ווי איך האָב געליטן,
ווי עס האָט די ליבע
מיר מיין האַרץ צעשניטן, —
קען איך ניט פאַרשטיין...

ווידער אַלץ פאַרשוואונדן,
אויסגעהיילט די וואונדן, —
קען איך ניט פאַרשטיין...

איצטער ווי אַ פרעמדן
קום איך דיר אַנטקעגן;
כ׳שמייכל דיר מיט קאַלטקייט,
ווען איך דיך באַגעגן,—
קען איך ניט פאַרשטיין...

די נשמה טוישט זיך:
היינט שוין ניט ווי נעכטן;
וויל איך ניט דעם מאָרגן
מיט דעם היינט פֿאַרפלעכטן.
ווייס איך ניט אַליין,—
קען איך ניט פֿאַרשטיין.

פאַרטיליגונג און טויט
איז יעדן אויף דער ערד געגרייט...
נאָר ערד פון זון
דעם גלאַנץ פאַרמאָגט:
און שטערן־נעכט,
און פרי, ווען ס׳טאָגט,
און ליבע־שפּיל,
און שמערץ און שטיל,
און זומער־לעב,
די בלום אין פעלד,
וואָס וואַקסט און קוועלט,
דאָס פעלד אין זאַנג,
פון פויגל־ליד
דעם תּפילה־קלאַנג.
און וואונדער אָן אַ צאָל פאַרשפּרייט
איז אויף דער ערד
אַרום דעם טויט...

און ס'ווערט דער טויט
אַ וואָרט פון „ניט",
און קיינער מערקט ניט
זיינע טריט.
און מוטיק וועבן מיר
אין גאַנג פון טעג
די פרייד און לייד
פון אונזער וועג.

ס'איז ווידער געקומען די בענקשאַפט
און דיך מיר דערמאָנט,
געבראַכט דיינע אויגן די מילדע,
איך האָב זיי דערקאָנט!

כ'האָב אויסגעשטרעקט פריינדלעך די האַנט דיר,—
אָ, ליבסטער, דו זעסט,
עס שענקט דיר מיין זעלע מחילה,
אָן דיר ניט פאַרגעסט.

כ'דערמאָן ווי אַ תפילה דיין נאָמען
און טראָג אים פאַרבאָרגן אין זעל,
פאַרוויקלט אין שטראַלן פון ליבע,
וואָס לייכט, ווי די זון, אַזוי העל.

די גאַסן אין פרילינג צעבאָדן,
דער שניי איז פאַרשוואונדן, ווי רויך,
געוויקלט אין בלוי=ווייסע טולן,
קוקט הימל אַראָפּ פון דער הויך.

אַ יום=טוב ביי ערד ביי דער אַלטער.
וואָס זאָגט איר—דאָס ווינטל ווי ס׳ווייט!
די ערד האָט די לעפצן געעפנט
און קושט זיך מיט פרילינג דערפרייט.

מיין סעדל האָט אויך זיך צעטרילערט
מיט בלומען און פייגל=געזאַנג.
איך וויל זיך אין כאָר אַריינרייסן
און זינגען מיט זיי אין איין קלאַנג.

און איך בענק נאָך אַלעס,
וואָס הערט אויף צו זיין.
נאָך פאַרשוואונדענער פרייד,
נאָך אויסגעטרונקענעם וויין,
ווען בעכער איז פוסט,
און טויט ליגט די לוסט.

איך בענק נאָך מיין ליבסטן,
וואָס איך האָב פאַראַכט;
איך בענק אויך נאָך יענעם,
וואָס האָט מיך גענאַרט.

און אַלץ האָט נשמה פאַרשריבן
גאָר פעסט
און היט אָפּ די בענקשאַפט
און גאַרנישט פאַרגעסט,
און היט אָפּ די בענקשאַפט,
ווי פייגל דעם נעסט.

און ס׳קומען געשטאַלטן
פון דאָ און פון דאָרט
און יעדערער האָט זיך
צו זאָגן זיין וואָרט.
דאָס האָלץ, וואָס פאַרברענט,
האָט נשמה דערקענט.

און ס׳בענקט זיך נאָך אַלעס,
וואָס הערט אויף צו זיין...

כ׳קאָן דיר זאָגן פריי און אָפן —
האָסט צו רעכטער צייט געטראָפן:
פול די וועלט מיט פרייליגנס־קלאַנגען
און נשמה מיט פאַרלאַנגען:
ליבע! ליבע! ליבע!
האָב איך דיר געקענט דאָס זאָגן, —
שווער איז פריילינג סודות טראָגן
פון דער ליבע...

שנעל בליט אָפּ דאָס פעלד,
און צייטיק ווערט דער זאַנג;
קומען שניטער אָן
מיט לידער און געזאַנג.

ס׳איז איצט פריילעך זיי:
ס׳לאַנד וועט האָבן ברויט,—
און זיי טראַכטן ניט,
וואָס דאָס פעלד בלייבט טויט.

ווי דאָס פעלד נאָך שניט,
איז מיין נשמה וויסט.
דער האַרבסט דאָס פעלד דעקט איין
און קאַלטער רעגן גיסט...

צום יאָרצייט פון מיין מוטער.

עס ברענט אַ גרויסע יאָרצייט-ליכט.
געדענקסט די פאַרב פון איר געזיכט,
איר שמייכל און איר שטימע-קלאַנג,
די גאָלדנע האָר, — יאָ, ס'טוט דיר באַנג?
וואָס ערד דעקט צו, דאָס האַרץ פאַרגעסט.
דאָס האַרץ פאַרגעסט, וואָס ערד פאַרפרעסט.
און אַלץ פאַרשווינדט און אַלץ פאַרגייט,
געהילט אין גרויען מאַנטל טויט.
געהאָרזאַם זיי, ס'איז גאָטס באַגער!
צו קליין און קאַלט פון אויג די טרער.

די ראַבינעס רויטע, וואָס האָבן מיין גאָרטן באַצירט,
זיי האָבן די ראָבן צעפּיקט,
די בלומען די ווייסע אין גאָרטן ביי מיר
זיי ליגן פון האַרבסט-ווינט באַזיגט,
פול יאוש די נעפּלען זיי הענגען
אַרום און אַרום,
תּכריכים די האַרבסט-ווינטן ברענגען
פאַרביימער און בלום.
און איך קום אַ שטילע אַריין אין מיין גאָרטן,
אַ שטילע — און שווייג,
און ס'ווערט מיין נשמה פאַרוועבט מיטן טרויער,
אַ שוועסטער מיט בלום און מיט צווייג.

כ'האָב פֿאַרגעסן צו טרוימען פֿון דיר,
פֿון הבל הבלים פֿאַרצויגן;
פֿאַרגעסן צו טרוימען פֿון דיר,
פֿאַרגעסן דעם גלאַנץ פֿון די אויגן.

פֿאַרגעסן צו טרוימען פֿון דיר—
און יאָרן זיי ווילן ניט וואַרטן;
פֿאַרגעסן צו טרוימען פֿון דיר, —
פֿאַרגעסן אין וואָר אין דעם האַרטן.

איר, מיין לידער־קראַנץ,
איר בלומען האַרבסטיקע,
איר ווייסע ליליעס —
אין טרויער אײַנגעהילט...

כ׳האָב געזונגען אייך
אויף מיין לעבנס־וועג,
ווי מיין גורל האָט
מיר מיין ליד געשפּילט...

דאָ אַ פידל־קלאַנג,
דאָ טרומייטן־שפּיל,
דאָ אַ פייפעלע
אין אַ זומער־פעלד.

אַלץ געשנירלט אַייך,
אַלץ געקליבן אַייך,
ניט געקינסטעלטע,
ניט געשאָרענע,
בלומען האַרבסטיקע,
ווייסע ליליעס...
איר, מיין לידער־קראַנץ...

. . . .

דאָס, וואָס האָט מיר באַנג געטאָן,
האָב איך באַזיגט,
און דאָס, וואָס האָט אַמאָל געפרייט,
האָב איך צעפליקט.

מיין האַרץ איז לער, אָן עבר־שפור—
אַ נייער מענטש;
און אָפן ליגט פאַר מיר די וועלט, —
און זי איך בענטש.

מיר זיינען געפֿאַלן, צעבֿרעכנדיק טראָגנען.
איר זאָלט ניט פֿאַרגעסן, איר זאָלט אונז דערמאָנען.

געטויטעט פֿון גאַזן, פֿון גאַזן און רויך,
וואָס זיינען געקומען, ווי וואָלקנס, פֿון הויך.

און האָבן געשטיקט אונז און האָבן דערשטיקט.
די ראָבן די שוואַרצע די אויגן צעפּיקט.

אין ברידערשע קבֿרים מען האָט אונז באַגראָבן.
נאָך אונזער לוויה געפֿליגן נאָר ראָבן.
נאָר ראָבן, נאָר שוואַרצע און קיינער ניט מער.
קיין מאַמע, קיין שוועסטער פֿאַרגאָסן קיין טרער.

איר זאָלט ניט פֿאַרגעסן, איר זאָלט אונז דערמאָנען.
מיר זיינען געפֿאַלן, צעבֿרעכנדיק טראָגנען.

פאלקסמאטיוו.

פרילינג! גרינט צוריק דער הימל,
און די זון צוריק זי העלט;
גרינען וועט אויפסניי די לאָנקע,
גרינען וועט דער וואַלד און פעלד.

פריילינג! זאָל איך אויך וואָס זייען?
הויל און נאַקעט שטייט מיין בייט,
אַלע טאָג פון טרער באַגאָסן,
אויף מיין ליבסטנס יונגן טויט...

אויפן שלאַכט־פעלד ווייט פאר מיילן
שטייט זיין קבר שטום אליין;
כ'וועל אַהין דעם וועג ניט טרעפן,
כ'וועל אַהין קיינמאָל ניט גיין.

בלייב מיין בייטעלע אָן בלומען —
ניט געאַקערט, ניט געזייט,
ווי אין פעלד מיין חתנס קבר,
וועלכער איז אין וויסטער ווייט.

דער העלד.

(נאָך גר. גאַלעגישטשעוו-קוטוזאָוו)

אין שלאַכט אין פרעמדן לאַנד ער פאַלט,
ווי בעת געוויטער בוים אין וואַלד.

נאָר ס'האָט דער פיינד פאַרשפּילט די שלאַכט,
דאָס חייל פון העלד אַ יום-טוב מאַכט.

און ער געבליבן איז אין פעלד.
פאַרגעסן ליגט דער גרויסער העלד.

עס קומט אַ קראָ און טרינקט זיין בלוט
און פּיקט דאָס אויג, וואו טויט עס רוט.

און ווען די קראָ ווערט שיכור, זאַט,
זי פליט אַוועק, פון זויפן מאַט.

און דאָרטן ווייט אין היימאַטס-לאַנד
די מאַמע האַלט דאָס קינד אויף האַנט:

„אַאו... אַאו... ניט וויין, מיין קינד,
דער טאַטע קומען וועט געשווינט!
דער טאַטע קומט, וועט פריילעך זיין,
און קיכלעך באַק איך זיס און פיין!"

נאָר ס'בלייבט דער העלד
אין וויסטן פעלד...

עס איז בײנאַכט געװען אַ צעפּעלין,
און האָט דעם הימלס רו געשטערט,
און האָט געבראַכט דעם טויט אויף ערד.

אין בעט געלעגן איז מײַן קינד,
אַ מלאך מילד און רײן פון זינד;
עס האָבן זײַנע װערטער שטיל
געלײענט קריאת־שמע מיט געפיל:

„אָ, היט מיך, גאָט, פון אַלדאָס בײזו!"
האָב איך דערהערט די װערטער לײז;
איך האָב נאָך אים זײ נאָכגעזאָגט,
און האָב די שרעק פון טויט פאַריאָגט.

(פאָלקס־מאָטיוו).

אַ מאַמע האָט געהאַט אַ זון,
אין טרערן אים דערצויגן,
און אויף גאָלד געמאָסטן אים,
און אויף גאָלד געוואויגן.

אויסגעוואַקסן—דאַנקען גאָט!
איז ער איר נחמה,
און איר נחת און איר גליק.
קומט אָן די מלחמה.

אַלץ מסתּמא איז פון גאָט,
אַלץ פון אים געשריבן...
ס'איז איר זון אין שלאַכט אַוועק,
זי אַליין געבליבן.

ס'איז איר זון אין שלאַכט אַוועק,
איז בריוו נאָך בריוו געלאָפן,
ביז עס האָט די בייזע קויל
אין האַרצן אים געטראָפן.

מער קיין בריוולעך קומען ניט...
נאָר אַמאָל אין חלום
זי זעט איר זון און פרעגט אים אַלץ:
— ווען וועט זיין שוין שלום?

ווען וועט זיך ביי אים די וואונד
פון דער קויל אויסהיילן?
און די אַלטע ווערט געטרייסט
פון דעם זונס דערציילן...

פאָלקסמאָטיוו.

פאַר די זעלנער העמדער
נייט חיימס ווייבל גערן,
און אויב ס׳איז האַרט די לייוונט,
מאַכט זי עס ווייך מיט טרערן.

און וואָלט זי קענען וויסן,
וועלכע ר׳וועט באַקומען,
וואָלט זי יענע העמד אים,
אויסנייען אין בלומען.

וואָלט זי יענע העמד אים
אויסנייען אין ווערטער,
אַ גערים זאָל האָבן
דאָרטן איר באַשערטער.

נאָר די אָרמע ווייס ניט,
וואו ס׳איז איר מאַן געבליבן,
צי אין שלאַכט געהרגעט,
צי אין „פּליען״ פאַרטריבן.

און ווייל די אָרמע ווייס ניט,
וואו ער איז הינגעקומען,
נייט זי אַלע העמדער
אויס אין טרערן־בלומען.

שלום.

שלום, שלום, דיינע פליגלען
שפרייט איך אויס!
ס'איז די וועלט אין בלוט פאַרטרונקען,
לייז זי אויס.

אויפן שלאַכט־פעלד הערסטו קלאַפּן
הערצער פיל,
ווען דו קומסט אַ ביסל שפּעטער—
טויט און שטיל!

די פון קוילן, די פון גאַזן
איינגעוויגט,
און די שוואַרצע ראָבן זינגען:
טויט אייך זיגט!

דאָרטן טרעפסטו אָן דעם פאָטער
אי דעם קינד,—
שלום, שלום, אייל געשווינטער,
גרויס די זינד!

זעסטו פליסן צו די וואָלקנס
טרער נאָך טרער?
דאָס איז אַלץ צו דיר אַ תפילה,
קום—דערהער!

קום, פיל אָן די וועלט מיט קלאַנגען:
„שלום! פרייד!"
אַלע ווארטן, אַלע גאַרן,
אַלע מיד!

טויט און אימה, אימה,
קין הבלען טויט.
טייכן בלוט וועט פליסן,
און ס׳וועט פעקן ברויט...

ברידער, ווייטע און נאָענטע,
גיט זיך שוין די הענט!
ס׳האָט דער קריג און הונגער,
אונזער לאַנד פאַרלענדט.

1918.

.1919

צום סדר אומעטיק:
קיין מצה און קיין ווײַן.
אויף מאָרגן וועקט מיך אויף
פון העלער זון די שײַן.

און שיכּור ווער איך באַלד,
און דאַרף שוין ניט קיין ווײַן,
און כּוסות טרינק איך פיל—
פון העלער זון די שײַן.

און מצה האָב איך אויך,—
אַ פלעצל זיך געבאַקט,
און איך בין פריילעך, זאַט,
און זינג אין פרילינגס טאַקט.

און זינג מיט פרילינג מיט,
און טרייסט מײַן אָרים הויז:
ניט ווערט פון הונגער מיד,
און לאַכט דעם הונגער אויס.

און פריילעך ווערט אין הויז,
וואו פרילינג קומט אַרײַן,
און פילט אים אָן מיט טרייסט
און זונענדיקער שײַן.

.1917

עס שאַלן טראָמפּייטן,
עס קלאַפּן די פּויקן,
די פאָנען זיי פאָכן אין לופט,
און פעלקער, ווי ברידער,
עס הערן זיך לידער,
די פרייהייט אונז אַלעמען רופט.

און זייט ניט געבויגן:
די קנעכטשאַפט פאַרפלויגן,
איצט זיינען מיר אַלע שוין גלייך,
טראָמפּייטן זיי שאַלן,
אַ שרעק איז געפאַלן,
אויף די, וואָס פון אונז זיינען רייך.

די רייען געשלאָסן,
מיר זיינען גענאָסן,
מיר זיינען די קומענדע מאַכט,
די פאָנעס זיי ווייען;
מאַכט פעסטער די רייען,
געענדיקט די פינסטערע נאַכט!

די וואָלגע.

און דער הונגער איז געגאַנגען,
אויפגעפרעסן אַלע זאַנגען
פון דעם ברויט,
און געפירט נאָך זיך דעם טויט—

די וואָלגע, אין זאַמדיקע ברעגן געשלאָסן,
האָט שטיל אין דעם קאַספּישן ים זיך געגאָסן.
אַזוי פון געבאָרן, פון טויזנטער יאָרן,
אין כוואַליעס געשוואומען, געשוואומען—
און איצטער צו איר זיינען טרערן געקומען.

האָט וואָלגע דערהערט
דעם וויי פון דער ערד,
געגעבן אַ ציטער
פון הונגער־געוויטער.

מיט סקעלעטן אין קלייד,
דער הונגער פון דערפער
צו דערפער ער גייט,
פון דערפער אין שטאָט
און ווייס קיין פאַרבאָט.

און מאַמעס די קינדער פאַרלאָזן,
און ס׳וואַנדערן קינדער,

ווי שטילינקע גראָזן
פון האַרבסיקן פעלד,
אין אימה און קעלט.

און מענטשן סקעלעטן,
און מענטשן סקעלעטן,—
געקומען צו וואָלגע,
אַן אָפּרו געבעטן:
—פון הונגער, פון הונגער!

און זקנים, פון יאָרן
אין מידקייט געבויגן,
עס קוקן פאַריאושט
פאַרלאָשענע אויגן:
—ס׳איז הונגער, ס׳איז הונגער!

און פעלדער, ווי קברים,
צעשפּאָלטן אין לעכער,
זיי בעטן ביי וואָלגע
אַ טרונק פון איר בעכער:
—ס׳איז הונגער, ס׳איז הונגער!

האָט וואָלגע דערהערט
דעם וויי פון דער ערד,
געגעבן אַ ציטער
פון הונגער־געוויטער.

און ס'האָט זיך די וואָלגע
אין טרער אויסגעקליידט,
אַזוי ווי פון טרערן
אַ קלייד זיך געניייט,—

און האָט זיך אין הייך אַלץ געהויבן,
צום הימל דערהויבן.

— — — — — — — —

האָט וואָלגע די טרערן
אין הימל געלאָזן,
גערופן די ווינטן,
ער זאָל זיי צעבלאָזן
אין וואָלקנס פון רעגן,
אויף פעלדער צעשפּרייט,
דורך שטאָט און דורך דאָרף,
וואו די וואָלגע נאָר גייט.
און ס'וואַרטן די טרערן
אויף וואָלקן צו ווערן.

ווען זומער וועט קומען,
דאַן וועלן די פעלדער
מיט תּבואה פאַרבלומען
און הימל וועט שפּרייען מיט רעגן
אויף וואָלגעס פאַרמדברטע ברעגן.

1921.

אהיים.

גענדיקט איז דער קריג,
געקומען איז דער שלום.
ער פאָרט אַהיים צוריק,
און דאָס איז ניט קיין חלום.

אַהיים, אַהיים צוריק,
עס זינגט דער צוג אים לידער,
אַהיים, אַהיים צוריק,
דאָרט וואַרטן שוועסטער, ברידער.

די מאַמע אַלט און שוואַך,
צי וועט ער זי דערוויסן?
צי וועט זי נאָך איר קינד
מיט טרערן הייס באַגריסן?

די אַלטע ביינער־הענט
צי וועלן אים אומאַרמען
און וועלן נאָך איר קינד
שטיל גלעטן און דערוואַרמען?

עס פליט דער צוג גאָר שנעל,
געדאַנקען אָבער שנעלער:
דער זומערדיקער טאָג—
אַ גאָלדענער, אַ העלער.

אויף טאָלן און אויף בערג
די פעלדער זיך צעשפּרייטן,
דער גרינער תּבֿואה־ים
באַגריסט אים פונדערווייטן.

פעלדער, פעלדער, גרינט!
פֿאַרדעקט פון בלוט די פלעקן,
און זאָל די תּבֿואה נאָר
אייך פּוצן און באַדעקן!

אַהיים, אַהיים צוריק,
צו שוועסטער און צו ברידער;
די רעדער פון דעם צוג,
זיי זינגען היימאַטלידער.

פון דער אָרעמער גאַס.

I.

לוסטיקע זיי שפּילן זיך
אין זומער־טאָג אין העלן,
אויף הויפעלעך און געסעלעך,
אין שטיבלעך אויף די שוועלן.

און אַלץ אַרום אַזוי איז שיין—
די פליגעלעך, וואָס זשומען;
די זשוקעלעך און פייגעלעך,
וואָס הילכנדיק זיי קומען.

עס איז גאָר אַ מחיה זיי!
די זון קושט אויס די גלידער.
די פויגלעך זינגען שענער נאָך
פאַר מאַמעס וויגנלידער.

און ווער איז אַזאַ גוטער דאָס,
וואָס ברענגט דעם זומער העלן?
די קינדערלעך די קליינטשינקע
דאָס וויסן וואָלטן וועלן.

.II

איז געקומען יעשען,
קאַלטע ווינטן ברומען,
גיסן קאַלטע רעגנס,—
יעשען איז געקומען.

ניט געהייצט דעם אויוון,
האָלץ איז פּלאַם און פייער,
כאָטש איין פוד צו קויפן—
איז עס אויך צו טייער!

אויף אַן אַכטל בולבע
דאַרף מען אַ פאַרמעגן,
און קיין שוך קיין גאַנצער
אויף די יעשען־רעגן.

ניט קיין גאַנצער בגד,
ס'מוז די וועלט זיך עקן!
ניט קיין שטיקל קאָלדרע
זיך, אַ קינד צודעקן!

יעשען שרעקט מיט ווינטער:
נויט און קרענק און דלות,—
גאָט זאָל געבן כוחות
איבערקומען אַלעס!

און די רעגנס גיסן,
און די רעגנס גיסן!
פון דעם אביונס ליידן
זאַטער וואָס קאָן וויסן?...

פאָלקסמאָטיוו.

קיינער וויל ניט באָרגן, —
און דער ברויט קאָסט טייער,
איז אַזוי מיר ביטער,
ביטער, מיין געטרייער.

קליין איז מיין געזינדל:
קינדערלעך באַגראָבן.
נאָר פאַר די, וואָס לעבן,
דאַרף מען ברויט דאָך האָבן.

שטיי איך אויף באַגינען:
כ׳קאָן ניט רוען־ראַסן,
עפּעס כאָטש פאַרדינען.
כ׳גיי דורך גאַס נאָך גאַסן.

איז אַזוי מיר ביטער,
כ׳קאָן דיר גאָר ניט זאָגן!
גאָט זאָל געבן כוח
הונגער איבערטראָגן.

אַ מעשהלע.

איך בין רואיק, איך בין דרייסט,
איך האָב ווייטע צילן.
וועב איך זיך אַ חלום אויס,
אַ ווײַלינקע זיך שפּילן.

טראַכט איך אויס אַ מעשהלע
פון אַ קייסערינע
מיט אַ יונגן פּאַסטעכל
פון אַ ווייט מדינה.

ווי ער קומט אין פּאַלאַץ אָן,
ס'האָט אַזוי געטראָפן:
ס'איז דער היטער גראָד אַוועק,
געווען דער טויער אָפן.

שטייט די מלכה אויף באַלקאָן,
און דערהערט אים שפּילן.—
געשיקט די דינער ברענגען אים,
דערפילט האָט מען איר ווילן.

— — — — — — —

דער פּאַסטעך שפּילט, דאָך שענער נאָך
עס שפּילן זיינע אויגן,
און די נעץ, די כּישוף־נעץ
האָט זיך גלייך פאַרצויגן.

און די מלכּה זאָגט צו אים:
—איך שענק דיר מיינע קרוינען,
דאָס לאַנד וועט רופן דיך מיין מאַן,
אין פּאַלאַץ וועסטו וואוינען.

ער קוקט זי אָן און ענטפערט קורץ:
—אַ הירטין איז מיין כּלה,
אַ מיידעלע אַ יונגיטשקע,
אַ שענערע פון אַלע.

זי' וועט אויף מיר דאָרט וואַרטן לאַנג,
וועט בענקען און וועט וויינען,
און אירס אַ טרער איז טייערער
פאַר אַלע קייסערס קריינען.

— — — — — — —

די מלכּה ווערט אַ בייזע גאָר:
אַ קייסערין ניט הערן!—
און האָט זי נאָר דעם פּאַסטעך ליב,
דאַן מוז ער מלך ווערן.

הזכּרה.

איך גיי איצט פאַרליבט אין די גאַסן,
פאַרליבט אין דעם פרילינג אַליין.
פאַררויטלט מיין פּנים דעם בלאַסן
האָט פרילינג דורך זוניקער שיין.

די טייכעלעך פריילעכע פליסן
אין מיטן דער זאָרגיקער שטאָט.
דער מענטש זאָל פון פרילינג אויך וויסן
און שיקן זיין ליב=דאַנק צו גאָט.

די הימלען די בלויע און שטילע
ווי קינדערשע בליקן בלוי=ריין,
די ערד אַ דערוואַכטע טוט תּפילה
און דאַנקט פאַר דער זוניקער שיין.

איך מאַך נאָך די=יענע הזכּרה,
וואָס ליגן מיט שערבלעך פאַרדעקט,
וואָס פון זון די גינגאָלדענע שטראַלן
האָבן זיי ניט דערפרייט, ניט דערוועקט.

עס גיבן טעג, ווען מיר גאַרן
שטאַרק נאָך רו.
אונז מאַכט ניט אויס
שוין וואו.
מיד און מאַט,
ווי אַ בלאַט,
וואָס פאַלט
פון בוים—
מיר לאָזן אָפּ
דעם לעצטן טרוים
און גאַרן בלויז נאָך רו,—
אונז מאַכט ניט אויס
שוין וואו.

און לוסטיק זיין, אָ, קאָנט איר נאָך?
מסתמא ווייסט איר ניט פון יאָך.

מסתמא ווייסט איר ניט פון נויט,
ווען קליינע קינדער בעטן ברויט.

און זיי די מאַמע נערט מיט טרער,
ווייל גאָרנישט האָט זי, גאָרנישט מער.

אָ, קומט און גייט פון הויז צו הויז,
און זעט, ווי מענטשן גייען אויס.

עס הונגערט קינד און גרויס און גרייז,
און היקף פאַר זיי, אָ, קיינער ווייס.

און איר האָט אַלץ זיך אָנגעגרייט,
אי גוטן ווייַן, אי ווייסן ברויט.

און זייער שטוב נאָר היט דער טויט,
און זייער שטוב נאָר היט דער טויט.

1919

ש ב ת.

מ׳האָט דעם קוגל אָפּגעגעסן.
דאָס געזינדל רוט און קוועלט,
פון דער וואָך די זאָרג פאַרגעסן,
און עס שטראַלט גאָטס ליבע וועלט.

די מאַמע לייענט צאינה־וראינה,
און די טאָכטער—דעם ראָמאַן,—
און עס לינדערט איר די ליידן,
וואָס זי האָט ניט קיין גדן.

אין די ביכער ווער דאַרף געלט דען?
ס׳קומט אַ גראַף און ברענגט דאָס גליק;
ווען מען איז נאָר שיין און איידל,
ווערט אַ ליבע מיטן בליק.

ס׳איז דער גראַף גאָר אַ פאַרשטעלטער,
אין דער אמתן—אַ ייד,
און ער שטאַמט פון גרעסטן יחוס,
פון דער גרויסער שטאָט מאַדריד.

ווערט די גרעפין פאַן=בערנאַרדאָ
אויסגעפוצט אין זייד און גאָלד
און מען פירט זי צו דער חופה
און דער מאַן—ער האָט זי האָלט.

און די יונגע אויגן שטראַלן
פון דעם אויסגעטראַכטן גליק.
אַך, ווען ס׳קומט דער גראַף צו גיין נאָר,
ווערט אַ ליבע מיטן בליק...

האָט דער שבת ווייניק שעהן,
ס׳גרעסטע טייל געהערט דער וואָך;
אין שטערן קליידט זיך אויס דער הימל
און ער שיקט אַראָפּ דעם יאָך.

אײַלט אין גהינום דער רשע,
און אין זאָרג—דער מענטש אויף דר׳ערד,
און דאָס ביכל איז פאַרלאָזן,
און דער חלום איז צעשטערט.